# ליקוטי שיחות קודש בעניני חג הסוכות שנשמעו
# מפי כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א במשך כמה שנים

**חג הסוכות – זמן עשיית תשובה מאהבה**

בשיחה עם **כ"ק הגה"צ גאב"ד סערדאהעלי שליט"א**

יום ד' דחול המועד סוכות תשע"ה לפ"ק

**הגה"צ מסערדאהעלי:** איך האב ממש יעצט געזען א **תפארת שלמה** (לסוכות ד"ה ואברהם זקן), פארוואס דער יום טוב פון סוכות הייסט חג האסיף, ווייל עס איז מקבץ אלע מצות און מעשים טובים, שלא עלו לה'. ער זאגט, אז עס שטייט אין פסוק (תהלים פא-ד) תקעו בחדש שופר, די גאנצע חודש האט א דין אזוי ווי שופר, און ביי שופר שטייט (ר"ה כז:) כל הקולות כשרין בשופר, איז טייטש אז אלע קולות אין תלמוד תורה און אין תפלה וואס קענען נישט עולה זיין, איז יעצט עולה.

איך מיין אז מען קען זאגען פשוט. עס שטייט פונעם **אר"י הק'**, אז א יעדע מצוה וואס איז נישט געמאכט געווארן בדחילו ורחימו, איז נישט פרחת לעילא. אבער די מצוה איז דאך א מצוה, די מצוה איז דא. איז ווען ער טוט איינמאל די מצוה מאהבת ה', ער טוט די מצוה בלתי לה' לבדו, ווערט נתעטף דערין אלע מצות, און אלע תפילות וואס זענען געווען נישט בדחילו ורחימו, אבער נישט א תפלה מיט א שלעכטע מחשבה, און אלע זענען עולה צוזאמען. עס שטייט פונעם **בארדיטשוב'ער רב זי"ע** (קדושת לוי פ' האזינו) אז סוכות טוט מען תשובה מאהבה. עס איז זמן שמחתנו, און א יוד ווערט נתעורר. קומט אויס, אז מיט דעם דאווענען יעצט די טעג, ווערן נתעטף אלע תפלות, און אלע תורה וואס מען האט נישט געלערנט ווי עס באדארף צו זיין, אלעס ווערט נתאסף, וועגן דעם הייסט עס חג האסיף.

**רבינו:** אפילו אָן דעם אז עס ווערט נתאסף, אז ער טוט תשובה מאהבה ווערט אלעס זכיות.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** ער האלט נאכנישט דערביי אז ער זאל תשובה טון אויף דעם, דאס איז שוין א גרויסע מדריגה. צדיקים טוען טאקע תשובה אויף זייערע מצות.

**רבינו:** עס שטייט אין **בני יששכר** (תשרי י-כב, **ובאגרא דכלה** פ' ראה ד"ה חג הסוכות) אז חג האסיף, איז ווייל מען נעמט צוזאם אלע תפילות.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** דער **תפארת שלמה** זאגט, אז די טעם איז ווייל עס איז דומה צו שופר.

**א' מהנוכחים:** עס שטייט פונעם **בעלזער רב**, אז שמיני רגל בפני עצמו לענין פז"ר קש"ב (סוכה מח.), אז שמיני עצרת הערט מען אין הימל צו אלע תפילות וואס איז געווען מפוזר ביז יעצט.

**רבינו:** איך האב געזען אין **חתם סופר** אין די דרשות (ח"א מח.), אז ער זאגט אויפן פסוק (ויקרא כג-מא) בחודש השביעי תחוגו אותו, אז ווען א יוד טוט תשובה מיראה ווערט ער אזוי ווי א קטן שנולד, און עס ווערט ביי אים יעצט חודש הראשון. און ווען ער טוט תשובה מאהבה, און ער איז מתקן אלעס פון פריער, קומט אויס, אז די יאר האט זיך אנגעהויבען ביי אים פריער. זאגט די תורה אז מען זאל אזוי אפהיטען דעם חודש, אז עס זאל זיין בחודש 'השביעי' תחוגו אותו, און עס זאל נישט זיין בחודש הראשון. מען זאל טון תשובה מאהבה, אז עס זאל זיין ביי אים די זיבעטע חודש פונעם יאר, ווייל אויב נישט איז עס ביי אים דער ערשטער חודש אינעם יאר, ווייל ער איז יעצט געבוירן.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** בן מאה ועשרים שנה אנכי היום (דברים לא-ב), דער אייבערשטער איז ממלא שנותיהם של צדיקים מיום ליום (ר"ה יא.), און כמעט מען זעהט עס נישט. עס שטייט פונעם **חתם סופר** (בדרשותיו לז' אדר קמא.), אז מען רעכענט פון דעם טאג וואס ער האט אנגעהויבען צו דינען דעם אייבערשטען, און דאס ווייסט דאך נאר דער אייבערשטער, און פון דעמאלטס איז ער ממלא שנותיו מיום ליום.

**קדושת הסוכה בהלכה**

בשיחה עם **כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א**

**וכ"ק האדמו"ר מספינקא שליט"א**

ג' דחול המועד סוכות תשע"ד לפ"ק,

**האדמו"ר מספינקא:** עס איז א פלא די מעשה וואס דער **מנחת אלעזר** ברענגט אין **שער יששכר** (מאמר סוכת שלם אות ט"ז) פון **רבי הערשעלע רימנוב'ער** זי"ע

וועגן די אנשי סוכות[א]. אין ספינקא פלעגט מען אויך פארציילען די מעשה.

**האדמו"ר ממונקאטש:** אין לומדות איז עס לכל הדיעות שווער. דער **מנחת אלעזר** רעדט וועגן שלאפן אין די סוכה ווען עס רעגנט, און עס איז פארמאכט די שלאק, צו עס איז א ענין צו בלייבן שלאפן אין די סוכה אדער נישט. זאגט דער **מנחת אלעזר** אז יא, ווייל חוץ די קיום המצוה מיט שינה בסוכה, איז דא א ענין צו שלאפן מיט קדושת הסוכה, און די קדושת הסוכה ווערט נישט בטל אפילו עס רעגנט. **רבי שלמה קלוגער** וויל יא זאגן, אז ווען עס רעגנט ווערט בטל די קדושת הסוכה, וויבאלד מען קען נישט מקיים זיין דעמאלס די מצוה (עיין **בחכמת שלמה** סימן תרל"ט, ועיין עוד **בשו"ת עונג יו"ט** סימן מ"ט). אבער דער **מנחת אלעזר** האלט שטארק, אז חוץ די קיום המצוה עס איז דא א ענין פון קדושת הסוכה (ראה בספר **נימוקי אורח חיים** (סימן תרל"ט סק"ג, **ובשו"ת מנחת אלעזר** ח"ד סוף סימן ל"א).

**רבינו:** עס איז מסתבר, אז דאס איז נאר די זיבען טאג וואס מען איז מחוייב בסוכה. און עס זענען דא וואס האלטן אז דער שלאק איז נאר א איסור דרבנן, מן התורה איז עס א סוכה[ב].

**האדמו"ר ממונקאטש:** יא, עס וועגד זיך וועלכע שלאק, אינדערהיים זענען געווען שלאק'ס וואס זענען געווען פון אייזערנע בלעכן, עס זענען נישט געווען אזעלכע גרינגע ווי היינט, און דאס איז שוין בעצם פסול.

**האדמו"ר מספינקא:** עס איז דא א עובדא מיטן **רבי ר' זושא** אז ער איז אנגעקומען אויף א פלאץ וואס עס איז אמאל געווען א פסול'ע סוכה, און ער האט געשפירט א קדושה, זעהט מען אז עס איז דא עפעס א קדושה אויף שפעטער[ג].

**האדמו"ר ממונקאטש:** עס שטייט אין די תולדות פונעם **חתם סופר**, אז עס איז געווען א נייער זמן אנהייב ווינטער, און עס זענען אריינגעקומען נייע בחורים אין ישיבה, און די סוכה ברעטער זענען געלעגן אינדרויסען, און עס איז געווען איין בחור וואס האט געטרעטן אויף די ברעטער, און דער אנדערער בחור איז ארומגעגאנגען, ווייל ער האט נישט געוואלט טרעטן, און דעם בחור וואס האט געטרעטן האט ער נישט געוואלט אננעמען אין די ישיבה. עס איז שוין טאקע געווען נאך סוכות, אבער אז ער טרעט דערויף האט ער אים נישט געוואלט האלטן. (ראה בספר **זכרון למשה**, מכתבי תהלה סימן י"ח).

**רבינו:** טרעטן דערויף, דאס איז שוין ביזוי מצוה וואס מען טאר נישט[ד].

---

[א] וזה לשונו: סיפר **הרה"ק מהרצ"ה הכהן מרימנוב זי"ע** מחסידים הראשונים שהיו דבוקים כל כך באהבת מצות סוכה, והרגישו נועם אור קדושת אהבתה, עד כי באהבתה ישגו שנשבעו שלא לצאת מהסוכה לעולם, ונשבעו בנדר על דעת רבים שאין לו הפרה, וכאשר הגיע ימי החורף והקור נורא, אז מן השמים בא ענן ולקחם למדינות החמים כדי שלא יסתכנו בצער הקור והחורף בהיותם בסוכה, וקראום העולם אותו ואת משפחתו אחריו בשם 'אנשי סוכות' על שם נס זה. ושגור בפי חסידים ויראי אלקים אנשי אמת ששמעו מפה קדשו זה בכל שנה ושנה ע"כ.

[ב] עיין **במחצית השקל** (סימן תר"מ סק"ט), **ובפרי מגדים** (סימן תרכ"ו סק"ט), ועוד הרבה פוסקים, דכיון שאסור רק משום גזרת תקרה, וראוי לישב תחתיה מדאורייתא, עדיין יוצא המצוה מן התורה. וראה בהקדמה לספר **דרשות לחם שלמה** (אות כ"ח) **שהגה"ק משאמלויא זצ"ל** אף שסגרו את הגג בתקרה של עץ המיוחדת לזה מחמת הגשמים, מכל מקום לא נכנס לביתו ונשאר ללמוד בתוך הסוכה מחמת טעם הנ"ל, ואמר שבמקום אונס רוצה לצאת עכ"פ המצוה מדאורייתא. [ועוד יש בזה לצאת המצוה לפי שיטת **רבינו תם** (הובא בשו"ע סימן תרכ"ט סעיף י"ט דעת היש אומרים) דאם הסוכה מסוככת כהלכתה ואחר כך פירס עליה סדין להגין מפני החמה או מפני הנשר כשרה אם הוא בתוך ד' טפחים לסכך, **ובמגן אברהם** (שם סקכ"ה) כתב דהוא הדין כשפורס מפני הגשמים כשרה לשיטתו, ולכן אם גשמים נוטפים מהסכך מוטב לפרוס סדין משיאכל חוץ לסוכה, רק לא יברך לישב בסוכה ע"ש].

[ג] ראה בספר **נימוקי אורח חיים** (שם) שכתב: שמעתי כעין זה מאאזמו"ר הרה"ק זי"ע אב"ד פה קהלה בשם דו"ז רבינו הקדוש **רבי ר' זושא זי"ע מהאניפאליא** שהרגיש ברוח קדשו פעם אחת בעת הליכו בגלות שהוא מקום קדושה ומצוה, ושאל, ואמרו לו שהוא מקום סוכה פסולה שעשה הבעל הבית עם הארץ גמור עד שהיתה פסולה מעיקרא ע"כ. ועיין עוד בספר **שנה האחרונה** (הערה י"ג) בפרטי העובדא.

[ד] ראה **במגן אברהם** (סימו תרל"ח סק"ט) נ"ל דאף אחר סוכות לא יפסע על עצי סוכה, דתשמישי מצוה הוא כמו ציצית ולולב וכו' ע"ש. ועיין **בשו"ת מנחת אלעזר** (ח"א סימן טו) דאולי יש נפקא מינה בזה בין עצי דפנות הסוכה לסכך ע"ש בארוכה.

## שינה בסוכה

בשיחה בדרך לעיר העתיקה ווארמייזא, בעת הנסיעה
לשבות בשב"ק בעיר פרעשבורג יצ"ו
יום ד' פרשת משפטים תשע"ו לפ"ק

**רבינו:** איך האב געהערט פונעם **קלויזענבורגער רב** זצ"ל, אז דער **צאנזער רב'ס פאטער**, איז נישט ארויס פון די סוכה גאנץ סוכות, ער איז געשלאפן אין די סוכה, אין שניי און אין קעלט. און ער האט מקפיד געווען נישט צו שלאפן אליין אין די סוכה, נאר עס זאל זיין נאך איינער מיט אים. איינמאל איז געווען א גרויסע קעלט, און ער האט נישט געקענט טרעפן איינער וואס זאל שלאפן מיט אים, האט ער געבעטן איינעם, אז ער זאל שלאפן מיט אים, און ער גיט אים אוועק זיין עולם הבא. איז ער איינגעגאנגען אויפן געשעפט. יארן שפעטער האט ער זיך געחלומ'ט, אז דער צאנזער רב'ס פאטער איז געקומען צו אים אין חלום, און ער האט אים געזאגט, איך האב דיר צוגעזאגט עולם הבא, און עס איז געקומען די צייט אז דו זאלסט אוועקגיין פון די וועלט. וואס איך האב צוגעזאגט האב איך צוגעזאגט, אבער אויב דו ביזט מוותר אויף די הבטחה, וועסטו קענען ווייטער בלייבן לעבן. עס איז געווען אין חלום, האט ער געזאגט, אז ער וויל ווייטער בלייבן לעבן, ער וויל נישט שטארבען.

ווען ער איז אויפגעשטאנען האט אים זייער ווי געטון וואס ער האט געטון, איז ער אריבערגעגאנגען צום **צאנזער רב**, און ער האט אים פארציילט די מעשה. - דער **קלויזענבורגער רב** האט עס אזוי אראפגעלייגט, אז דער יוד איז געקומען צום **צאנזער רב** און ער האט אים געזאגט, 'וואס וועל איך שוין האבן אז איך וועל בלייבן אויף דער וועלט, איך וועל עסן נאך א בילקעלע'... - עס איז דא צוויי גירסאות וואס דער **צאנזער רב** האט אים געזאגט, איין גירסא איז דא, אז דער **צאנזער רב** האט געשמייכלט. און איין גירסא איז דא, אז דער **צאנזער רב** האט אים געזאגט, 'נאר בלייבט נאר, און מקח בלייבט מקח'.

## גשמים בחג

**בשיחה עם כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א**
יום א' דחול המועד סוכות תשע"ז לפ"ק

**האדמו"ר ממונקאטש:** עס איז ב"ה א שיינע צייט דעם יום טוב. געלויבט דער אייבערשטער.

**רבינו:** איז א סימן אז מען איז מרוצה. ווען קינדער קומען באזוכן א טאטען, דארף זיי דער טאטע שיין אויפנעמען. מען קומט בצילא דמהימנותא, דארף זיין א גוטע צייט.

**האדמו"ר ממונקאטש:** די גמרא (סוכה כט.) האט א קלער מי שפך למי. די גמרא איז שווער, עס איז דא עפעס א קלער, אז מיר גיסען פארן אייבערשטען.

**רבינו:** איך האב געזען אויף די קשיא, א דבר נפלא. וואס איז טייטש מי שפך למי, ווי אזוי קען זיין אז אונז האב מיר שופך געווען פאר אים גשמים. אונז גיי מיר דאך אין די סוכה, און דער אייבערשטער ברענגט די גשמים, וואס איז טייטש אז מיר האבן שופך געווען פארן אייבערשטען. אז די נענועים זענען דאך לעצור רוחות רעות און טללים רעים. די גמרא (שם לז:) זאגט עס אויף צוויי זאכן, אויף לולב און אויף כבשי עצרת. קומט אויס אז אויב מיר וואלטן געשאקלט לולב ערליך, וואלטן מיר עוצר געווען גשמים רעים אויך. אז מען איז עוצר טללים רעים, וואלטן מיר עוצר געווען אויך גשמים רעים, ווען עס איז נישט די ריכטיגע צייט. אז עס איז געקומען רעגן אין די סוכה, איז א סימן אז אונז האב מיר נישט געהעריג מקיים געווען די נענועים פון פריער, און וועגן דעם איז געקומען גשמים. האבן מיר גורם געווען אז דער אייבערשטער האט שופך געווען די גשמים.

**האדמו"ר ממונקאטש:** אויף לילה הראשון איז שווער דאס צו זאגן. נו, אין משיבין על הדרוש.

**רבינו:** עס איז א סימן אז די כבשי עצרת האבן מיר נישט געמאכט ווי עס דארף צו זיין.

**הרה"ג רבי יהושע:** לילה הראשון איז מען טאקע מחוייב צו זיצען אין די סוכה אפילו ווען עס רעגנט.

*

**האדמו"ר ממונקאטש:** איך האב געזעהן דעם יום טוב אין **נימוקי אורח חיים** (סימן תרל"ט סק"ד), אז לויט איין שיטה איז לילה הראשון, וואס מען לערנט ארויס חמשה עשר חמשה עשר פון פסח (סוכה כז.), דארף מען יא זיצען אין די סוכה אפילו ווען עס רעגנט אויך. איז די שאלה צו מען דארף מאכן א לישב בסוכה אויך, צו נישט. דער **מנחת אלעזר** נעמט אן פשוט אז ניין, מען האט קיינמאל נישט געהערט אז בשעת הגשמים מאכט מען א ברכה.

אבער באמת איז דא אסאך ראשונים וואס האלטן אז יא, אז דער לימוד פון חמשה עשר איז מחייב אפילו צו מאכן א לישב בסוכה. איך ווייס נישט צו די וועלט פירט זיך אזוי, אבער עס איז דא שיטת אין די ראשונים וואס האלטן אזוי.

**בנו ר"י מונקאטש:** די שאלה איז צו ט"ו איז א נייער חיוב, צו עס איז נאר א חיוב אין דעם בסוכות תשבו.

**האדמו"ר ממונקאטש:** דאס איז דער לומדיש'ער ביאור דערין. אבער באמת דאס אז עס איז א נייער חיוב ברויך מען פארשטיין, ווייל דער חיוב איז דאך צו זיצען אין די סוכה, און אויב אין די סוכה איז ער זיך מצטער, ווי אזוי קען מען מוסיף זיין פון דעם לימוד פון חמשה עשר מחייב זיין צו מאכן א ברכה לישב בסוכה.

**רבינו:** איך האב געזעהן זיך שטעלן אויף א קשיא. טאמער עס זאל זיין אזוי, אז עס איז א עקסטערע חיוב פון ט"ו, פארוואס איז נישט דא אויך א עקסטערע חיוב ברכה, אזוי ווי אויף אכילת מצה, זאל זיין א חיוב ברכה אויך אויף די אכילה בסוכה. עס איז דאך א עקסטערע חיוב, עס איז נישט פארבינדען מיט די מצוה פון בסוכות תשבו.

**ר"י מונקאטש:** דער **קאזיגלוב'ער** (**שו"ת ארץ צבי** ח"א סימן צ"ח) וויל פארענטפערן די מנהג פון צדיקים און חסידים, אז מען זיצט אין די סוכה אפילו עס רעגנט. די וועלט פרעגט דאך די קשיא, כל מי שהוא פטור מן הדבר ועושהו נקרא הדיוט (ירושלמי ברכות ב-ט). נעמט ער די סברא, און ער גייט מיט דעם א טראפ ווייטער. זאגט ער, ט"ו ט"ו איז א נייע חיוב, דאס נעמט ער אן פאר א דבר פשוט, ער שמועסט עס אפילו נישט אויס, ער נעמט עס אן פאר א דבר פשוט. און דער לשון הגמרא דארט איז, אז מען לערנט ארויס ט"ו ט"ו, מה להלן לילה הראשון חובה מכאן ואילך רשות, אף כאן לילה הראשון חובה מכאן ואילך רשות. זאגט ער, האט מען דאך יעצט געלערנט פון דעם גזירה שוה, נישט נאר אז לילה הראשונה חובה, נאר אז שאר הימים איז א רשות, האט מען אויך אפגעלערנט פון דעם ט"ו. קומט אויס אז אלע זיבן טעג איז דא צוויי מצוות, עס איז דא א מצוה פון בסוכות תשבו, און עס איז דא א מצוה פון ט"ו ט"ו, וואס מען האט געלערנט אויף רשות, נישט אויף חובה. און אויף דעם מצוה פון רשות, אויף דעם איז דאך נישט דא קיין תשבו כעין תדורו, דערפאר זיצען חסידים אין די סוכה, אפילו ווען עס רעגנט.

**האדמו"ר ממונקאטש:** עס זענען געווען וואס האבן אריינגעלייגט כוחות צו פארענטפערן חסידישע מנהגים. דער **פרי צדיק, רבי צדוק הכהן**, האט געשריבן א גאנצן חיבור (**משיב צדק**) צו פארענטפערן דעם מנהג צדיקים וואס זענען נישט געזיצען אין די סוכה שמיני עצרת.

**רבינו:** לויט דעם קומט אויס, וואלט געדארפט זיין, אז לויטן **גר"א** וואס האלט אז פסח איז דא א מצוה כל שבעה, עס איז נישט נאר א רשות, וואלט דא אויך געדארפט זיין א מצוה כל שבעה (עיין **בשו"ת ארץ צבי** שכתב דבריו על פי שיטת **הגר"א** דיש מצוה קיומית באכילת מצה כל ימי הפסח, וזה ילפינן מט"ו ט"ו גם לענין אכילה בסוכה ע"ש).

**הרה"ג רבי יהושע:** דער **משנה ברורה** (סימן תרל"ט סקכ"ד) האט א ספק צו לויטן **גר"א** איז גאנץ סוכות דא א מצוה קיומית אזוי ווי פסח.

**האדמו"ר ממונקאטש:** דער **מנחת אלעזר** (**נימוקי אורח חיים** סימן תע"ה) נעמט אן לגבי פסח, אזוי ווי דעם **גר"א'ס** שיטה, אז עס איז דא יעדן טאג א מצוה קיומית צו עסן מצה.

**ר"י מונקאטש:** און דער **משנה ברורה** קלערט צו לויטן **גר"א** איז אפשר סוכות אויך אזוי.

**רבינו:** נאר דא קומט צו א חידוש, אז אויב איך נעם אן אזוי אויך לגבי סוכה, וועט זיין א מצוה אויך בשעת גשמים (לפי דבריו של **הגה"ק מקאזיגלוב**).

**האדמו"ר ממונקאטש:** עס איז דא א ספק אין די פוסקים, ווען עס רעגנט די ערשטע נאכט, וויפיל איז דער שיעור צו ווארטן עס זאל אויפהערן די רעגן. עס זענען דא וואס האלטן אז מען דארף ווארטן ביז חצות (**ליקוטי מהרי"ל**, ועיין **בבכורי יעקב** סימן תרל"ט סקל"ג, **ובחיי אדם** כלל קמ"ז ס"ט) און יש אומרים שתי שעות (**משנה ברורה** שם סקל"ה בשם **האליה רבא ופרי מגדים**). פשט פון די שיטות זענען, די שיטה וואס האלט צוויי שעה איז פשוט אלץ מצטער דארף מען נישט ווארטן מער. און די וואס האלטן ביז חצות, ווייל מער קען מען נישט לערנען פון ט"ו ט"ו. דארט ביי פסח איז דאך אויך דער חיוב נאר ביז חצות, נאכדעם איז דאך שוין נישט דא קיין חיוב לויט רוב פוסקים.

**רבינו:** די וואס עסן פסח נאך חצות, די וועלן דארפן ווארטן לענגער די ערשטע נאכט סוכות ווען עס רעגנט...

## <u>מצות ישיבת סוכה – כיסוי השלא"ק</u>

בשיחה עם כ"ק **הגה"צ גאב"ד סערדאהעלי שליט"א**

יום ד' דחול המועד סוכות תשע"ה לפ"ק

**רבינו:** וואס פאר א סארט שלאק איז דא אויף די סוכה.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** א דאך. עס איז צוויי דעכער. איך האב מיך אויסגעלערנט פונעם **סאטמארער רב**, אז מען דארף האבען צוויי דעכער. ער פלעגט עפענען איין דאך, און זיך געוואשן און געגעסן, און ווען עס האט אנגעהויבען אריינצוטראפן, האט ער געעפנט דעם צווייטן דאך, און ער האט זיך געזעצט אויף די צווייטע זייט. אזוי האט מען צוויי מאל צייט.

**א' מהנוכחים:** עס שטייט אין **מטה אפרים** (סימן תרכ"ה סעיף כט) אז עס איז גוט צו האבען נאך א סוכה אן א שלאק. אז ווען איין סוכה איז צוגעמאכט מיטן שלאק, און עס איז שווער עס כסדר צו עפענען, זאל מען האבען נאך א סוכה, צו קענען עסן און טרינקען אכילת עראי.

## <u>ברכת לישב בסוכה על היין</u>

בשיחה עם כ"ק **האדמו"ר ממונקאטש שליט"א**

יום א' דחול המועד סוכות תשע"ז לפ"ק

**האדמו"ר ממונקאטש** (אחר שבירך ברכת לישב בסוכה על היין)**:** איך וועל מסביר זיין פארוואס איך האב געמאכט א לישב בסוכה, וואס פשטות איז דאך נישט אזוי. דער **סוואליעוווער רב** איז דאך געווען א אדם גדול, ער איז געווען א וויזיט ביים הייליגען **דרכי תשובה** חול המועד סוכות, און ער האט געמאכט א לישב בסוכה. ביים **דרכי תשובה** איז עס געווען א שטיקל תמיה, האט דער **סוואליעוווער רב** געזאגט, אז עס איז דא א **ריטב"א** אז ווען צוויי חכמים זענען זיך קובע א ישיבה בסוכה אויף וויין, הייסט עס א קביעות און מען קען מאכן א לישב בסוכה. האט דער **דרכי תשובה** געזאגט, איך וויים נישט פון די **ריטב"א**, אבער אז דער **סוואליעוווער רב** האט געמאכט א ברכה, האט ער אויך געמאכט א ברכה. סתם אזוי ווען איך טרינק מאך איך אויך נישט א לישב בסוכה, אבער אז איך האב אזא חשוב'ער גאסט...

**רבינו:** און איך האב יוצא געווען מיט שומע כעונה. עס איז דאך א שאלה אפילו אויף אלע מסובים, וואס מען זיצט צוזאמען בסוכת חבירו.

**האדמו"ר ממונקאטש:** דער **סוואליעוווער רב** איז געווען א תלמיד חכם מופלג, אזוי ווי עס איז דא פון אים א ספר אויף מגילה (**בית יצחק**), אזוי איז געווען אויך אויף רוב ש"ס. אויף מגילה איז עס זייער א שיין ספר, א עמקות'דיגער ספר, אזוי איז געווען כמעט אויף גאנץ ש"ס.

## <u>ארבעה מינים בהלכה ומנהג</u>

בשיחה עם כ"ק **הגה"צ רבי יחזקאל ראטה שליט"א**

גאב"ד קארלסבורג

יום ג' דחול המועד סוכות תשע"ד לפ"ק

**גאב"ד קארלסבורג:** וואספארא אתרוג נעמט מען געווענטליך?

**רבינו:** יאנעווע, אזוי ווי מען האט געטוהן אינדערהיים.

**גאב"ד קארלסבורג:** אינדערהיים האט מען גענוצט בעיקר די גריכיש'ע אתרוגים, עס איז נישט געווען אזוי קיין יאנעווער.

**רבינו:** אינדערהיים איז נישט געווען קיין יאנעווער אתרוגים?

**גאב"ד קארלסבורג:** בעיקר איז געווען גריכישע. זיי זענען געווען שיינע אתרוגים.

**רבינו:** זיי האבן געהאט זייער א שיינעם געשטעל, מיט חריצין ובליטין[ה].

**גאב"ד קארלסבורג:** מיט פיטומ'ס. אין די געגנט האט מען נישט געוויסט אזוי פון א אתרוג אן א פיטום. הגם עס שטייט אין שולחן ערוך (סימן תרמ"ח סעיף ז'), און דער רא"ש (סוכה סימן ט"ז) רעדט שוין פון דעם. אין שפאניע זעהט אויס איז געווען אזוי די אתרוגים אן א פיטום. אבער איך רעדט פון די

---

[ה] בניחום אבלים אצל משפחת הר"ר משולם גרינפעלד ע"ה: די זיידע (הר"ר משולם גרינפעלד ע"ה) האט אין די יונגערע יארן געהאנדל'ט מיט אתרוגים, ער איז געווען פון די ערשטע וואס האבן אריינגעברענגט די גריכישע אתרוגים. די גריכישע אתרוגים זענען געווען זייער שיינע אתרוגים. מען זעהט נישט היינט אזעלכע שיינע אתרוגים. עס האט זיך אויפגעהערט די מארקעט פון דארט.

איך געדענקט איינמאל מוצאי יום הקדוש, האט ער גערופן צו מיין טאטען אין שטוב, אז ער האט יעצט באקומען פרישע אתרוגים. זענען מיר אריבערגעגאנגען נאכן תענית, און מיר זענען אויפגעווען ביי אים אין שטוב א האלבע נאכט, און געקליבען אתרוגים.

שטעט אין אונגארין אין די היימישע שטעט איז געווען אזוי.

**רבינו:** גריכלאנד איז געווען נענטער אהין ווי איטאליע?

**גאב"ד קארלסבורג:** עס איז נישט נענטער, נאר די סוחרים פון די גריכישע אתרוגים האבן בעסער געקענט, און די גריכישע אתרוגים זענען געווען שענער. הגם דער **חתם סופר** ברענגט אין די תשובות (או"ח סימן ר"ז) יאנעווער אתרוגים. און די בעלי תוספות האבן גענומען יאנעווער אתרוגים, ווייל דאס איז געווען נאנט קיין צרפת.

איך בין אמאל געווען דארט אין די געגנט, איך האב געזעהן וויאזוי זיי וואקסן, איך בין געגאנגען געבן א הכשר אמאל, אויך אנדערע רבנים זענען דארט געווען. עס הייסט יאנעוו, דער נאמען איז דזשונעווע, אזוי הייסט דארט די פארט, דאס איז געווען דער הויפט פון איטאליע, א פארט שטאט.

די ליובאוויטשער חסידים נעמען דווקא יאנעווער, זיי האבן א קבלה נאך פונעם **בעל התניא**, אז דאס איז דער פרי עץ הדר, און ווען הקב"ה האט געזאגט אז מען זאל נעמען א פרי עץ הדר, האט ער גענומען א פרי עץ הדר פון דארטן, און האט עס איינגעפלאנצט, אזוי איז ביי זיי מקובל פונעם **בעל התניא**, נאך פון די פריערדיגע צדיקים.

אויף די מאראקא אתרוגים איז דאך געווען מפקפקים אויך, עס האט זיך געטוהן, אבער מען האט עס גענוצט.

דער **אבני נזר** (חו"מ סימן קט"ו) ברענגט, אז דער **רבי פון לובלין** האט גענוצט א גריכישער אתרוג. דעמאלס איז דאך נישט געווען קיין מאראקא'ער אתרוגים, און תימנ'ער אתרוגים, מען האט נישט געוויסט פון די אלע זאכן.

**רבינו:** וואס טוט זיך מיטן רב'ס אתרוג אין פאלם ספרינגס?

**הרה"ח רבי שלמה צבי שפיטץ הי"ו** (בעל האכסניא בפאלם ספרינגס): די ביימער פון די אתרוגים וואקסן שוין ב"ה, דאס איז שוין די דריטע יאהר וואס מען האט עס אנגעפלאנצט, אבער קיין פירות האט עס נאכנישט, עס געדויערט פינעף יאהר ביז עס ווערט פירות. אבער עס איז דא ב"ה דריי און צוואנציג ביימעלעך איינגעפלאנצט פון דריי און צוואנציג קערעלעך, מען האט אריינגעלייגט מער קערעלעך, און דריי און צוואנציג האבן געוואקסען און געכאפט [די כח הזריעה]. עס ליגט יעצט אין אזא גרויסע כלי, און מען וועט עס מוזן איבערפלאנצן אין די קרקע, מען האט געקויפט דארטן פאריאהר א שטיקל לאנד, כדי איינצופלאנצן די אתרוגים.

**רבינו:** די געגנט איז גוט דערפאר?

**הרה"ח רבי שלמה צבי שפיטץ הי"ו:** יא, עס וואקסט דארטן אתרוגים, די סיטרוס מיני ביימער וואקסן דארטן.

**גאב"ד קארלסבורג:** עס איז גלייך, אז מען פלאנצט עס אן אין די יונייטע"ד סטעיט"ס ווי מען רופט עס. מען קען טאקע פארן קיין יאנעוו, אבער מען קען אסאך מאל נישט וויסן, מען זעהט דאך די גריכישע אתרוגים איז אונטערגעגאנגען. מען זאגט אז זיי אליין האבן עס חרוב געמאכט, איך ווייס נישט פונקטליך וואס די סיבה איז. אבער ווען מען דארף גיין אין די מרחקים, און נעמען א אתרוג פון אנדערע מדינות, און אמאל לאזן זיי יא אריין, אמאל לאזן זיי נישט אריין, עס איז גוט אז מען האט עס אין די מדינות ווי מען וואוינט.

**רבינו:** די הדסים קומען דאך אויך פון קארליפארניע, נעבן פאלם ספרינגס.

**גאב"ד קארלסבורג:** איך בין אמאל געווען ביי די אריזאנער הדסים, אין טיסאן אריזאנע. דעמאלס האט מען דא גענוצט אריזאנער הדסים, נישט קיין צפת'ער הדסים. ווייל אפילו אין ארץ ישראל איז אויך נישט געווען די הדסים קיין מסחר.

**רבינו:** מען האט לעצטענס גענומען ארץ ישראל'דיגער אתרוגים, און עס איינגעפלאנצט אין מאראקא.

**גאב"ד קארלסבורג:** מען האט אויך גענומען יאנעווער אתרוגים און עס איינגעפלאנצט אין מאראקא. דארט איז גרינגער זיך צו מטפל זיין דערמיט. ווען עס איז ארויסגעקומען די מאראקא'ער אתרוגים, האבן מיר געשריבן וועגן דעם, און אויך געגעבן א הכשר. דער אמת איז, אז אין יענע צייטן זענען געווען דארט אראבער, מען האט נישט געהאט צוטון מיט מורכבים, זיי האבען נישט געוואוסט פון הרכבה, און מען האט געהאלטן אז די אתרוגים זענען בחזקת אינו מורכב. דער אראבער איז נישט געווען אינטערסירט אין מרכיב זיין, און ער האט אפילו נישט געוואוסט פון מרכיב זיין.

דער **סאטמארער רב** האט מחשיב געווען די מאראקא'ער אתרוגים, ער איז אויך אריינגעקומען

מיט א מאראקא'ער אתרוג. הגם אין סאטמאר האט ער געמוזט נעמען א גריכישער אתרוג, די סוחרים האבן געברענגט גריכישער אתרוגים.

**רבינו:** דאהי' האט ער גענוצט אין בית המדרש א מאראקא אתרוג?

**גאב"ד קארלסבורג:** יא צו די נענועים. ביי די ברכה ווייסט מען דאך נישט, אבער ער איז אריין צו הלל מיט א מאראקא אתרוג. וועגן דעם די שטארקע הייסע חסידים נעמען דווקא א מאראקא'ער אתרוג. על כל פנים היינט דארף עס שוין האבן א הכשר, עס איז שוין אנדערש ווי אין אנפאנג.

---

<u>**ארבעה מינים בהלכה ומנהג**</u>

**בשיחה עם כ"ק האדמו"ר מקאליש שליט"א**

יום א' פרשת יתרו תשע"ה לפ"ק – פאלם ספרינגס

---

**רבינו:** די סוחרים האבען איינגעפלאנצט אתרוגים דא אין פאלם ספרינגס. דער בעל הבית פון די דירה (הרבני החסיד רבי **שלמה צבי שפיטץ** הי"ו) האט אויך איינגעפלאנצט אן אתרוג בוים דא אין הויף, עס וואקסט נאכנישט דערויף, אבער מען האפט אז עס וועט וואקסען. עס נעמט צייט ביז עס וואקסט ארויס, קודם פלאנצט מען עס איין אין א שיסל, און ווען עס ווערט גרעסער דארף מען עס איבערשטעלן. רוב הדסים פון קאליפארניע קומען אויך פון פאלם ספרינגס. רבי ישראל שווארץ (סוחר אתרוגים) האט אויך אפגעקויפט דא א פעלד, און ער האט איינגעפלאנצט לולבים. הונדערטער לולבים קומען שוין יעצט פון דא. יעצט ווען עס איז שמיטה, נעמט מען די לולבים פון דא.

**האדמו"ר מקאליש: רבי מרדכי'לע נאדבורנער זצ"ל** פלעגט צו זאגען, אז א לולב דארף זיין לאנג ניין טפחים. ווייל די חוט פון ציצית דארף זיין צוויי מאל אזוי ווי די גדיל, און אזוי ווי די הדסים דארפן זיין דריי טפחים, דארף די לולב זיין צוויי מאל אזוי לאנג, ניין טפחים. און ער זאגט, אז דאס איז פון די הלכות וואס איז פארגעסן געווארן בשעת די הסתלקות פון משה רבינו (עיין תמורה טז. - הובא בספר **מאמר מרדכי החדש** עמוד קלו אות ה'). - 'אמת' איז בגימטריא במספר קטן 'ניין', עס זאל משפיע זיין אמת. ביי אונז אין די משפחה האט מען גענומען א לולב וואס איז ניין טפחים. מען נעמט מער געלט פאר דעם.

**רבינו:** ווען איר וועט זאגען אז איר דארפט א קליינעם לולב, וועט ער נעמען פאר דעם מער געלט... דער וואס דארף מיט א פיטום, רעכענט ער פארן פיטום. און דער וואס דארף אזוי, רעכנט ער פאר דעם. דאס איז דאך זיין פרנסה, און יעדער פאר זיין פרנסה געבט אים דער אייבערשטער שכל.

**האדמו"ר מקאליש: רבי מרדכי נאדבורנער** פלעגט האבען א יוד, וואס פלעגט אים אלעמאל ברענגען א אתרוג אויף סוכות. אמאל איז ער אדורכגעפארן א דארף ווי עס איז געווען א רב, און דער רב האט אים געזאגט, איך האב נישט קיין אתרוג, און איך האב נישט וואו צו קויפן, פארקויף מיר דעם אתרוג, און דו פארסט דאך קיין בושטנא, קויף פארן רבי אן אנדערן אתרוג אין בושטנא. האט ער אזוי געטון, און ער האט געקויפט אן אנדערע אתרוג, און ער האט עס געברענגט פארן רבי. ווען ער האט עס געברענגט פארן רבי, זאגט אים דער רבי, דאס איז נישט מיין אתרוג. האט ער געזען אז ער קען נישט מאכען קיין חכמות, איז ער צוריקגעפארן צום רב, און ער האט אים געזאגט, איך וועל דיר געבן אן אנדערע אתרוג, און געב מיר צוריק דעם אתרוג וואס איך האב דיר געגעבן. האט ער עס צוריקגעגעבן. ווען ער האט עס געברענגט פארן רבי, האט דער רבי געזאגט, אה, דאס איז מיין אתרוג. ווערסטו מיינען אז דאס איז רוח הקודש, זאג איך דיר אז ניין. נאר חמשה עשר בשבט ווייזט מען פאר יעדעם וואס פאר אן אתרוג ער וועט האבען. און מען האט מיר אויך געוויזען, און איך האב געזען, אז דאס איז נישט וואס מען האט מיר געוויזען.

**רבינו:** זיי האבען געהאט גוטע אויגן.

**האדמו"ר מקאליש:** אבער עס איז נישט געווען רוח הקודש[1].

---

[1] עיין בספר **שמן ראש** (חלק תשיעי במדבר דף י') שהביא **רבינו שליט"א** מה ששמע מדודו **הגה"צ מלאנדסבערג זצ"ל**, איך שרבו **הגה"ק בעל המהרש"ג מסעמיהאלי זצ"ל** התאונן פעם על ירידת הדורות ושפל המצב שאנו נמצאים בתוכו, ואיך רחוקים אנחנו במרחק רב מדרכי הצדיקים הקודמים, ונקט לדוגמא מדריגת רוח הקודש, כי נעלם וכמוס הוא בדורינו אלה. ובמעמד ההוא היה שם איש אחד, וכאשר שמע דברים הללו מפורש יוצא מפי רבינו, הגיב ואמר, הן בעיניו ראה איך שרוח הקודש הופיע בבית מדרשו של **הרה"ק רבי מרדכי מנאדבורנא זי"ע**, ומעשה שהיה כך היה, שבאה אצלו אשה אחת עם שני ילדים להתברך מברכת קדשו, שיגדלו הנערים וילכו בדרכי טובים, והרה"ק הנ"ל הניף ידו הטהורה על ראש האחד והאציל לו ברכתו הטהורה, אבל להילד השני סירב ולא

**רבינו:** מען ברענגט צו, אז איינע פון די צדיקים פלעגט יעדן חמשה עשר אויסזאגען גאנץ תהלים אז ער זאל האבען א שיינען אתרוג. און איין יאר האט מען אים געשטערט, און ער האט נישט געקענט גומר זיין, און ער האט נאר געזאגט האלב תהלים. האט ער שפעטער יום טוב געוויזען, אז א האלבע זייט פונעם אתרוג איז געבליבן שיין, און די אנדערע העלפט איז געווען פארפלעקט.

**האדמו"ר מקאליש:** אתרוג איז א פרי עץ הדר, און די גמרא (סוכה לה.) דרשנ'ט, הדר באילנו משנה לשנה. עס שטייט אין די ספרים, אז געוועלניך ווען עס קומט צו גיין ראש השנה, און מען טוט תשובה, ווען עס גייט אדורך, זאגט ער, א מחיה, עס איז שוין אראפ א עול פון קאפ. נעמט מען א אתרוג וואס איז דר משנה לשנה, צו ווייזען אז עס דארף בלייבען, און מען דארף עס מיטנעמען אויף א גאנץ יאר.

**רבינו:** יעדע פרי האלט זיך נישט נאר זומער, אבער ווינטער איז נישט דא קיין פירות אויפן בוים. אבער אן אתרוג האלט זיך אין אלע צייטן, ווייל א צדיק האלט זיך אין אלע צייטן, זומער, ווינטער, קעלט, און היץ, אלעס לעבט ער איבער.

## ארבעה מינים בהלכה ומנהג

בשיחה עם כ"ק **האדמו"ר ממונקאטש שליט"א**
ובנו **הרה"ג רבי חיים אלעזר שליט"א** ר"י מונקאטש
יום ג' פרשת נצבים תשע"ה לפ"ק

**רבינו:** ביי די אתרוגים איז דא אזעלכע וואס האבען מקפיד געווען אז עס זאל זיין שיין, און עס איז דא וואס האבען מקפיד געווען אז אין הלכה זאל עס זיין מער הדר.

**ר"י מונקאטש:** פונעם **חתם סופר** (חידושי **חתם סופר** סוכה לו.) שטייט, אז די פלעקען פונעם טאפען איז א הידור מצוה.

**האדמו"ר ממונקאטש:** די וועלט האט עס אנגענומען להלכה. דער **מנחת אלעזר** האט אויך אזוי געטוהן למעשה, ער האט דעם ערשטען טאג געמאכט א ברכה אויפן אתרוג, און נאכדעם איז קהל אדורכגעגאנגען, ווייניג יודען לפי חשבון האבען געהאט אייגענע אתרוגים, און דעם צווייטען טאג איז עס שוין געווען פיל מיט קאלירן, אבער ער האט דעם צווייטען טאג גענומען דעם אתרוג און געמאכט אויף דעם די ברכה, כאטש ער האט געהאט נאך א אתרוג ביי זיך וואס איז געווען שענער, דאס אליין אז אידן האבן געמאכט דערויף א ברכה, דאס איז געווען דער הידור מצוה.

**רבינו:** הואיל ואתעביד בה מצוה חדא, נעביד ביה מצוה אחריתי (ברכות לט:).

**האדמו"ר ממונקאטש:** דאס איז א באזונדערע זאך.

**רבינו:** יא, דארט אין די גמרא רעדט מען ביי צוויי סארט מצוות[ז].

**האדמו"ר ממונקאטש:** ווען דער זעלבער מענטש האט געמאכט די מצוה איז אפשר נישטא דעם כלל. דער **חתם סופר** רעדט אלס זה א-לי ואנוהו. באמת אין הבנה איז עס שווער צו פארשטיין, די אתרוג איז דאך פארפלעקט, נאר אלס די מצוות פון אידן איז עס א הדר.

**ר"י מונקאטש:** נישט נאר אז עס נעמט נישט אוועק די הידור, נאר דאס איז גאר דער הידור.

## מנהגי חג הסוכות אצל הגה"ק מסאטמאר זי"ע

בשיחה עם כ"ק **האדמו"ר מסאטמאר שליט"א** (וומסבב"ג)
ב' דחול המועד סוכות תשע"ד לפ"ק

איך האב געזען אין **מחזור דברי יואל** (מנהגים אות מא) אז ווען די רבי ז"ל איז אהיימגעקומען פון דאווענען די ערשטע נאכט סוכות, איז ער געשטאנען אין צימער. איז דאס אמת[ח]?

---

רצה לברכו, ובמאמר פיו הילד הזה בן הנדה הוא ואינו ראוי לברכה. והאיש המספר כאשר סיים דבריו, ענה ואמר האין זה רוח הקודש ברורה, ולמה יאמר רבינו כי אין מדריגת רוח הקודש בימינו אלה. והשיב לו **המהרש"ג זצ"ל**, לא, אין זה מדריגת רוח הקודש רק עין טובה, שיכול להרגיש בעיניו הטהורים אם שורה קדושה על הדבר ההוא אם לאו, ורוח הקודש גופיה הוא מדריגה גבוהה וגדולה יתירה מזה. והוסיף המהרש"ג, גם אני בימי נעורי הייתי יכול להבחין בין כלי הנטבל לכלי שלא טבלו, ואין זה רוח הקודש.

[ז] עיין **בשו"ת חתן סופר** (סימן ס"ח) שכתב לבאר מה שכתוב בשו"ע (סימן תרע"ג סעיף ד') שאין צריכין להחליף הפתילות בלילי חנוכה, דטעמו משום הואיל ואתעביד ביה מצוה חדא וכו'.

[ח] וז"ל: בליל א' דסוכות כאשר חזר רבינו לביתו אחר התפלה נכנס לחדרו לזמן קצר ועסק בספרי קודש מעומד על רגליו (כי בחדרו חוץ לסוכה לא רצה לישב, וגם לא רצה ליכנס לסוכתו הקטנה כל זמן שלא בירך עדיין לישב בסוכה).

**האדמו"ר מסאטמאר:** איך ווייס נישט, 'לישב' איז דאך נישט טייטש זיצען, 'לישב' איז טייטש, זיך אויפצוהאלטען.

**רבינו:** עס האט געמוזט נעמען בערך א שעה, ביז די רבי איז אריינגעקומען צו קידוש. דער עולם האט געדארפט אהיים גיין מאכען קידוש, און עסן די סעודה.

**א' הגבאים:** מען זעהט אזא מין זאך, ווען תשעה באב איז געפאלן שבת, איז פון די שקיעה, איז דער רבי ז"ל געלעגן אין בעט, און ער איז נישט געזיצן אויף א בענקל.

**רבינו:** דארט האט עס א הסבר אין הלכה. ער האט חושש געווען אויף די שיטה פון די גאונים, האט ער נישט געוואלט זיצען. און א גאנץ יאר האט ער געהאלטען שבת ביז צוויי און זיבעציג, האט ער נישט געוואלט משנה זיין.

*

**רבינו:** וואס איז די טעם אז די רבי ז"ל האט נישט געזאגט קיין תורה סוכות?

**האדמו"ר מסאטמאר:** אין סיגוט האט מען נישט געזאגט קיין תורה ביי א וואכעדיגע טיש. נישט חמשה עשר בשבט, פורים, ל"ג בעומר, און נישט ראש חודש, ווען עס איז אמאל געווען א טיש. נאר שבת און יום טוב. אין די סיגוט'ע ספרים איז יא דא תורות אויף די אושפיזין, ווייל צווישן מנחה און מעריב איז געווען די סדר, אז מען איז אריין אין די סוכה, און די מענטשען וואס האבען געהאט אושפיזין, האבען געגעבן פירות. און מען האט דעמאלטס געזינגען די שיר המעלות, און דעמאלטס האט מען געזאגט תורה. אין **ייטב פנים** און אין **עצי חיים** זענען די תורות זייער אסאך אויף די שיר המעלות. נאכדעם איז געווען א טיש, סיי ביינאכט און סיי בייטאג, אבער ביים טיש אליין האט מען נישט געזאגט קיין תורה. וואס די הסבר דערפון איז, ווייס איך נישט.

מיין טאטע פלעגט נאכזאגען פון רבי'ן, אז לגבי א נאמען געבן, וואס ביי אונז געט מען א נאמען דווקא שבת. אז די גמרא (זבחים צא.) איז מסופק, צו תדיר און מקודש וועלכע איז פריער. און די גמרא וויל ברענגען א ראיה פונעם קרבן תמיד, אז די תמיד וואס איז תדיר, איז געווען פריער פונעם מוסף, וואס איז מקודש. און דאס זעלבע ביי קידוש זאגט מען קודם בורא פרי הגפן, און נאכדעם קידוש, ווייל תדיר איז קודם. און די גמרא זאגט, אטו שבת פארן קידוש האט עס געהאלפען, און פארן בורא פרי הגפן נישט. דאס איז טייטש, אז דער בורא פרי הגפן פון שבת, איז א אנדערע בורא פרי הגפן פון אינדערוואכען. און דאס זעלבע ווען מען געט א נאמען, וואס נפש חיה הוא שמו (בראשית ב-יט), איז יעדע זאך וואס מען טוהט אין שבת, האט א שבת'דיגע קדושה.

**רבינו:** ווען עס אויסגעפאלען יום טוב פאר שבת, אזוי ווי עס איז געווען יעצט, האט מען א נאמען געגעבן יום טוב?

**האדמו"ר מסאטמאר:** יא, שבת און יום טוב האט מען נישט מקפיד געווען.

איך בין געווען די לעצטע יום כיפור ביים רבי'ן ז"ל אין קרית יואל, און דעמאלטס האבען פינף מענטשען א נאמען געגעבן.

**רבינו:** ביי יום כיפור שטייט דאך שבת שבתון (ויקרא כג-לב).

**האדמו"ר מסאטמאר:** עס איז געווען דעמאלטס א אינטערסאנטע זאך. געווענליך פלעגט ער זאגען פאר די וואס האבען געוואלט צולייגען א נאמען, אז מען צולייגען חנה. און ער פלעגט אמאל צו זאגען, אז מען זאל אינזין האבען דעם **ישמח משה'ס** מאמע. ווייל ער האט מסופק געווען, צו זיין מאמע איז שוין געווען אינעם זעכציג'סטן יאר אדער נישט. און דער פינפטער האט געהאט עפעס א פראבלעם מיטן נאמען, האט ער אים געהייסען צוגעבן רויזא.

**רבינו:** עס איז דא אסאך דברים נפלאים וועגן צוגעבן נעמען.

**האדמו"ר מסאטמאר:** איך האב אליין ביגעוואוינט ביים רבי'ן ז"ל א נאמען געבן, וואס איז געווען ממש א רוח הקודש. עס איז דא ביי אונז א יונגערמאן רבי יהושע גרינפעלד. זיין זיידע האט געהייסען רבי נתן נטע גרינפעלד, און דער פאטער האט אים געוואלט א נאמען געבן, נתן נטע. איז ער געגאנגען פרעגן דעם רבי'ן ז"ל, און דער רבי האט אים זאגט, נתן איז געבן, נטל איז נעמען, עס איז עפעס נישט. האט ער אים א נאמען געגעבן נתן יהושע. איך בין געווען ביי זיין ווארט, און איך הייב אן צו שרייבען די תנאים, זעה איך אז זיין מחותן הייסט נטע, דער פאטער האט געמיינט אז ער חלש'ט.

**רבינו:** פאר די עלטערן געט דער אייבערשטער אריין וועלכע נאמען צו געבן, און אז מען פרעגט דעם רבי'ן, געט דער אייבערשטער אריין פארן רבי'ן, וואס פאר א נאמען צו געבן.

**א' הגבאים:** דער **שינאווער רב** האט טאקע נישט געוואלט ענטפערן אויף נעמען. ער האט געזאגט, אז פון הימל געט מען אריין פארן טאטען א רוח הקודש, און עס געהערט פאר די עלטערן.

### נענועים אצל הגה"ק מסאטמאר זי"ע

בשיחה עם **הגה"צ רבי יצחק אייזיק טירנויער שליט"א**
אב"ד שומרי שבת
ג' דחול המועד סוכות תשע"ד לפ"ק

**אב"ד שומרי שבת:** איך געדענקט ווען דער מחותן איז געקומען באזוכן דעם טאטען ז"ל, ער איז שוין דעמאלטס געווען זייער שוואך. ער האט זיך אסאך מאל אנטשולדיגט, אויב ער האט נישט אויפגענומען געהעריג.

**רבינו:** אמאליגע יודען.

**א' הנוכחים:** ער האט פארציילט די מעשה מיט די נענועים פונעם **סאטמארער רב**, אז מען האט באהאלטען א ספר.

**אב"ד שומרי שבת:** דאס איז געווען מיטן זיידען רבי חיים. ער איז געווען אין די זעלבע יאהרען פונעם רבי'ן ז"ל. מיין טאטע פלעגט פארציילען, אז דער זיידע רבי חיים פלעגט צו זאגען, אז די אנדערע זענען געווען חברים, און זיי זענען נישט געווען אזוי נכנע אונטער אים, זיי האבען נישט געוואלט אנערקענען זיין גדלות, זיי זענען געווען אין זיינע יארען, אבער ער איז אלץ געווען נכנע. און זיי האבען זיך מיישב געווען, אז מען גייט דאס טוהן. זיי האבען געמאכט א לאך ביי די סוכה, און זיי האבען געזען, ווי ער נעמט ארויס א ספר, און ער האט געשאקעלט, און נאכדעם האט ער צוריקגעלייגט דעם ספר. ער האט געהאט א ספרים שאנק אין די סוכה, און עס איז געווען פארשפארט די סוכה, און די זיידע פלעגט זאגען, אז ווען דער רבי האט צוריקגעלייגט דעם ספר, איז ער אוועקגעגאנגען פון שאנק, און ער האט געקוקט אויף די שאנק צו מאכען זיכער אז עס זעהט אויס גוט. און ער האט זיך אויסגעדרייט, און ער האט געעפענט די טיר, און ער איז ארויסגעגאנגען. און זיי זענען אריינגעגאנגען און זיי האבען געוואוסט פונקטליך ווי דער ספר ליגט, זיי האבען דאך געזעהן ווי ער האט עס אריינגעלייגט, האבען זיי ארויסגענומען די ספרים, און זיי האבען געזעהן פון אונטען אן אר"י סידור. דער רבי איז נאך געווען א יונגערמאן דעמאלטס.

**רבינו:** ווי האט דער זיידע רבי חיים געוואוינט דעמאלטס?

**אב"ד שומרי שבת:** אין סאטמאר.

**רבינו:** און ער האט אים געקענט פון נאך די חתונה, ווען ער איז געקומען וואוינען קיין סאטמאר.

**בנו הר"ר חיים:** זיי זענען געקומען וואוינען קיין סאטמאר נאך פארן רבי'ן. זיין טאטע רבי יעקב האט שוין געוואוינט דארט. ווען דער רבי איז געקומען קיין סאטמאר, איז ער געקומען דאווענען אין א שטיבל, עס איז געווען א חסידישע שטיבל, און מיין זיידע האט דארט געדאווענט נאך פאר די רבי איז געקומען. שפעטער איז ער אוועקגעפארען וואוינען פון דארט. און זייט דעמאלטס איז ער געווען נאנט מיט אים.

### מנהגי ועניני חג הסוכות

**אצל כ"ק הגה"צ אב"ד סאמבאטהעלי זצ"ל**
בשיחה עם **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א**
יום א' דחול המועד סוכות תשע"ז לפ"ק

**רבינו** (הראה על השטערנ"ס התלויים לנוי סוכה): עס איז נאך פון די אלטע שטערנס (שנעשו על ידי **הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל**), ער האט געהאט א געפיל אין די מצוה פון סוכה.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** ער האט געענדיגט באצירן די סוכה ממש נאנט צו יום טוב. אסאך מאל האט ער נאך צוגעענדיגט חול המועד.

**רבינו:** ער איז געווען א פונקטליכער, און טאמער א שטערן איז געווען אביסל אפגערוקט איינס פונעם אנדערן, נישט אויפן געהעריגע סדר, האט עס אים געשטערט.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** אלעס איז געווען געלייגט מיט א חשבון.

**רבינו:** א גרויסע אקעגן א גרויסע, און א קליינע אקעגן א קליינע. אויפן דאך זאל זיין פונקטליך אפגערוקט איינס פונעם צווייטען די זעלבע מאס ווי די צווייטע פונעם דריטען. עס זאל זיין מיט א סדר. און וויפיל צייט ער האט אוועקגעגעבן פארן אתרוג.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** ער האט אלעס געטון אליין, אן קיין משמשים. ער איז אליין געגאנגען, און געפארן.

**רבינו:** ביי די אמאליגע סוחרים איז נישט געווען אזוי ווי היינט, אז זיי האבן געהאט אויסגעקליבן די גוטע, נאר מען האט געדארפט אליין זוכן. מען האט אויסגעפאקט א באקס, און מען האט געזוכט ביז עס איז געלונגען. מען האט באקוקט צענדליגער אתרוגים, ביז מען האט געטראפן איינס וואס מען האט געדארפט. אזוי ווי עס איז אנגעקומען באקסעס פון לופטפעלד, אדער פונעם שיף, אזוי האט מען עס אראפגעלייגט. אזוי ווי דער גוי האט עס אפגעשניטן פונעם בוים, און אריינגעלייגט אין די באקסעס, אזוי איז עס אנגעקומען אין געשעפט.

*

**א' הנוכחים:** ער האט גענומען א יאנאווער אתרוג?

**הגה"צ מסערדאהעלי:** אנהייב האט ער גענומען א גריכישע אתרוג. זיי זענען געווען זייער שיינע אתרוגים. עס האט זיך אויפגעהערט סוף פון די י' יארן.

**רבינו:** עס איז געווען זייער שיינע אתרוגים, מיט חריצין ובליטין כמגדל. כמעט וואס מען זעהט נישט היינט אזעלכע שיינע אתרוגים, ווי די גריכישע מורכבים זענען געווען אמאל.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** די יאנעווער קען זיין פונקט אזוי מורכב, נישט געזארגט.

אין די פוסקים ווערן די גריכישע אתרוגים אנגערופן אתרוגי קארפוי. עס איז דא דערויף א תשובה אין **אבני נזר** (חו"מ סימן קט"ו).

**רבינו:** מען שרייבט אז דער **רבי פון לובלין** האט גענומען א גריכישע אתרוג (**אבני נזר** שם, **ובחידושי מהרא"ך** תרמ"ח).

**הגה"צ מסערדאהעלי:** א יאנאווער אתרוג שטאמט פונעם **חתם סופר** (עיין **בשו"ת חתם סופר** או"ח סימן רז).

**רבינו:** אין ליובאוויטש זאגט מען אויך, אז ווען משה רבינו האט מצווה געווען די מצוה פון אתרוג, האבן די מלאכים געברענגט פון איטאליע.

**א' הנוכחים:** א ארץ ישראל'דיגער אתרוג האט מען נישט גענומען?

**הגה"צ מסערדאהעלי:** נישט דאהי, עס איז געווען סאטמארער חסידים, און עס איז געווען די אנהייב יארן פון די מדינה.

**רבינו:** איך האב געזען שטיין, אז אין ארץ ישראל זענען דא מקפידים אז זיי גייען אין אלט שטאט ירושלים מיט א אתרוג און לולב, ווייל עס שטייט אין פסוק (ויקרא כג-מ) ולקחתם לכם ביום הראשון וגו', ושמחתם לפני ה' אלקיכם שבעת ימים. אבער דער **בריסקער רב** האט געזאגט, אז ער גייט נישט, ווייל אזוי ווי ער האט א ספק אויף זיין אתרוג צו עס איז כשר צו נישט, צו עס איז מורכב צו נישט, גייט ער זיך נישט אריינלייגען אין א ספק דאורייתא, אז ער זאל זיין דארט מחוייב מדאורייתא צו נעמען די ד' מינים, און עס איז חשובער נישט צו גין אינגאנצן.

**הרה"ג רבי ישכר דוב כ"ץ** (בן הגה"צ מסערדאהעלי): אלע פסולים פון יום ראשון גייט אויך אן דארט אלע זיבן טעג.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** אנדערע פסולים האט ער געקענט וויסן צו עס איז גוט צו נישט, אבער מורכב קען מען נישט וויסן, אלעס איז נאר חזקות ומסורת. דער **טאטע ז"ל** האט דאך אמאל ביי א ברית גערעדט מיטן **סאטמארער רב ז"ל** וועגן דעם.

**רבינו:** דער **סאטמאר'ער רב** האט אים געזאגט, אז ער האט געפרעגט אין ארץ ישראל א סוחר וואס האט פארקויפט די ד' מינים, ווי אזוי ווייסטו אז עס איז נישט מורכב? האט ער געזאגט, אז ער קויפט עס פון א אלטן אראבער, וואס ער ווייסט נישט פון קיין הרכבה צו זאגן. האט ער אים געזאגט, קודם כל דער אלטער אראבער האט קינדער אויך, וואס זיי ווייסען שוין גאנץ גוט, וואס דער אלטער ווייסט נישט. און נאכדעם, הרכבה שטייט שוין אין די משנה, מיט טויזנט יאר צוריק האט מען שוין געמאכט הרכבה. א אלטער אראבער ווייסט אויך ווי אזוי מען איז מרכיב.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** זיי זאגן א דבר של חידוש, דער **סאטמארער רב** פלעגט צו מאכן א ברכה אויף יעדע זאך מיט אזא כח, אבער די ד' מינים האט ער גענומען ביי זיך אין די סוכה, און ער האט נישט אריינגעלאזט דעם עולם אין די סוכה, נאר מען איז געשטאנען אינדרויסן, און מען האט נישט ארויסגעהערט ווי אזוי ער מאכט די ברכה, און מען האט נישט געזען וועלכן אתרוג ער נעמט. עס איז א גרויסע טענה.

**רבינו:** ווען ער איז נישט געזונט געווען, און מען האט שוין יא אלעס געזעהן האט ער געמאכט א ברכה. - עס איז אבער נישט קיין גרויסע ראיה.

**<u>הסרת טבעות הלולב ביום הושענא רבא</u>**

בשיחה עם **הגה"צ רבי יצחק אייזיק טירנויער שליט"א**

אב"ד שומרי שבת

ג' דחול המועד סוכות תשע"ד לפ"ק

**אב"ד שומר שבת:** ווען פירט זיך דער מחותן אראפצונעמען די רינגעלעך פונעם לולב, הושענא רבה?

**רבינו:** מיין טאטע ז"ל האט עס אראפגענומען פאר הלל. איך מיין אז דער **סאטמארער רב** ז"ל האט אראפגענומען נאך הלל.

איך ווייס נישט פון וואו מיין טאטע ז"ל האט עס גענומען, אז ווען ער האט אראפגענומען די רינגעלעך פונעם לולב, האט ער אנגעטוהן איינע פון די רינגעלעך פונעם לולב אויפן פינגער, אזוי ווי מען גייט מיט א רינגל, ביז נאך די הושענות.

**א' מהנוכחים:** אויף וועלכע פינגער האט ער עס אנגעטוהן?

**רבינו:** די אלע זאכן כאפט מען זיך ערשט שפעטער, אז מען וואלט געדארפן מעיין זיין דערויף, בשעת מעשה איז עס נאטורליך.

**אב"ד שומר שבת:** איך האב געזעהן אז דער **ב"ח** (ריש סימן תרס"ד) זאגט דעם טעם פארוואס מען נעמט אראפ די רינגעלעך, ווייל די נענועים זענען דאך לעצור רוחות וטללים רעים, זאגט ער, אז ווען מען נעמט עס אראפ, שאקעלט זיך עס שטערקער. איז לויט דעם, דארף מען עס דאך לכאורה אראפנעמען פאר די נענועים.

**<u>דבר תורה לחג הסוכות</u>**

בסעודת שבע ברכות

יום ד' פרשת כי תבוא תשע"ד לפ"ק

**ברוך אתה בבואך וברוך אתה בצאתך** (דברים כח-ו). איך האב געזען א אינטערעסאנטע ווארט פונעם **חיד"א**, אז די גמרא (ברכות נז:) זאגט, שלשה דברים מרחיבין דעתו של אדם, עס איז דא דריי זאכען וואס ברענגען הרחבת הדעת פארן מענטש. אשה נאה, אז דער אייבערשטער העלפט, אז מען טרעפט א גוטן שידוך. און 'נאה' מיינט אויך נאה במעשיה, און נאה במדותיה. אויב ער האט א אשה נאה מיט מדות און ארענטליכקייט, איז עס מרחיבין דעתו של אדם. נאכדעם איז דא בית נאה, א דירה נאה. אז מען האט א שיינע דירה, ברענגט עס אויך הרחבת הדעת. און די דריטע זאך איז כלים נאים, טאמער מען האט שיינע כלים אין שטוב, און די שטוב איז שיין צוזאמען גענומען, די דריי זאכען ברענגען הרחבת הדעת פארן מענטש.

**זאגט** דער **חיד"א** 'באך', איז א א', מיט א ב', מיט א כ'. די א' איז רומז אויף א א'שה נאה, די ב' אויף א ב'ית נאה, די כ' אויף כ'לים נאים. די ברכה וואס דער אייבערשטער געבט, איז ברוך אתה בבוא"ך, אז דער אייבערשטער וועט דיר געבן, אז דו וועסט געבענטשט ווערן מיט א א'שה נאה, און א ב'ית נאה, און כ'לים נאים. ברוך אתה בבא"ך, דער אייבערשטער וועט דיך בענטשען, אז ווען מען וועט אויפשטעלן א שטוב, וועט מען האבען די אלע דריי זאכן.

**לענינינו** ווען מען שטייט פאר די הייליגע טעג קען זיין, מען ווייסט וואס עס שטייט אין **הפלא"ה**, אויף די גמרא (כתובות נז.) נותנים לבתולה י"ב חודש. אז דער מזל פון אלול איז מזל בתולה. און ווען א יוד טוט תשובה אין חודש אלול, קען ער מיט דעם מתקן זיין דעם גאנצן יאר וואס איז אדורכגעגאנגען. 'נותנים לבתולה', אז מען נוצט אויס דעם חודש אלול ווי עס דארף צו זיין, קען מען געבן פאר דעם מזל פון אלול, וואס איז בתולה, 'כל י"ב חודש', נישט נאר דעם חודש אליין, נאר מען איז מתקן דורך דעם די גאנצע י"ב חודש.

**אזוי** ווי עס איז דא א אשה נאה, מיט א בית נאה, און א כלי נאה, אין גשמיות, וואס איז מרחיבין דעתו של אדם, די זעלבע זאך איז אויך דא ברוחניות. א אשה נאה וואס איז מרחיבין דעתו של אדם, גייט אויך ארויף אויף חודש אלול, וואס איז מזל בתולה. ווען א מענטש האט דעם חודש אלול, און עס איז ביי אים א בחינה פון נאה, ער האט שיין אדורכגעפירט דעם חודש אלול, איז עס מרחיבין דעתו של אדם, ברענגט עס הרחבה פארן דעת פונעם מענטש. און אז מען האט זוכה געווען צו טון תשובה אינעם חודש אלול, קומט דער 'בית נאה', וואס דאס איז די סוכה. סוכות איז תשובה מאהבה, וואס דאס איז דער השלמה פארן אלול. און צו די הייליגע טעג דארף מען האבען א שופר,

וואס דאס איז די כלי נאה. מען דארף האבען די ארבה מינים וואס דאס איז כלים נאים. טאמער א מענטש האט דעם חודש אלול, וואס דאס איז א בחינה פון א אשה נאה, און די כלים נאים וואס קומען צו צו די ימים טובים, וואס דאס איז די שופר מיט די ד' מינים, און נאכדעם איז דא די בית נאה וואס דאס איז די סוכה, דאס איז מרחיבין דעתו של אדם.